Governor Chris Christie
State of New Jersey

Governor Andrew M. Cuomo
State of New York

## בשותפות'דיגע סטעיטמענט פון גאווערנארס קואמא (CUOMO) און קריסטי (CHRISTIE) איבערדעם וואס קאנגרעס האט פארפעלן צו באשטעטיגן סענדי (SANDY) רעליף פעקעדזש

"מיט אלעס וואס ניו יארק און ניו דזשערסי און מיליאנען פון אונזערע איינוואוינערס און קליינע ביזנעסער האבן געליטן און מיטגעמאכט, קען דאס דאזיגע אנגייענדע פארפעלן צו האנדלען און גלייכגילטיגקייט פונעם הויז פון רעפרעזענטאנטן נישט אנטשולדיגט זיין. עס האבן פאסירט 66 טעג זינט האריקעין סענדי (Sandy) האט אונז געטראפן און 27 טעג זינט פרעזידענט אבאמא האט ארויסגעשטעלט א פאראנטווארטליכע עיד פארשלאג וואס איז באשטעטיגט געווארן מיט א צוויי־פארטייאישע אפשטימונג אין דעם סענאט, בשעת דאס הויז האט פארפעלט אפילו אים אויפצוברענגען. דאס פארפעלן צו קומען צו הילף פון אמעריקאנער נאך א שווערע און צעשטערנדע נאטירליכע דיזאסטער איז פרעצעדענטלאז. דער פאקט אז טעג גייען אדורך און מענטשן ליידן, פאמיליעס קענען נישט וואוינען אין זייערע היימען און מענער און פרויען בלייבן ארבעטסלאז און פלאגן זיך במשך די דאזיגע שווערע ווינטער חדשים איז א פארלעצונג פון פליכט. ווען אמעריקאנער בירגערס זענען אין נויט קומען מיר צו זייער הילף. יענע טראדיציע איז אפגעווארפן געווארן אינעם הויז נעכטן ביינאכט. "

"די מענטשן פון אונזערע סטעיטס קענען זיך מער נישט ערלויבן צוווארטן בשעת פאליטיקאנטן אין וואשינגטאן שפילן זיך."

###

מער נייעס צו טרעפן אויף www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | Executive Chamber | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418

Yiddish